ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח׳ — **פרשת במדבר** — שנת תשע"א

**וידבר ה׳ וגו׳ בשנה השנית לצאתם מארץ מצרים:** לכאורה פארוואס דארף דער פסוק זאגן אז דער מספר איז צו יציאת מצרים, און אויך וואס באדייט דאסווארט **׳לאמר׳**?

זאגט דער **רבי ר׳ יונתן ז"ע** לויט דעם וואס דער **זוה"ק** זאגט (פקודי דף רכ"ה ע"א) אויפן פסוק **וכסף פקודי העדה מאת אלף וככר**, לכאורה פארוואס האט מען געציילט אלע זאכן אין משכן, די גמרא זאגט דאך (תענית ח׳ ע"ב) **אז אין הברכה מצוי׳ אלא בדבר הסמוי מן העין**, האט רשב"י געענטפערט אז דאס איז נאר ביי זאכן וואס קומען נישט פון די סטרא דקדושה, אבער ביי זאכן וואס קומען מסטרא דקדושה אדרבא ווערט נאך ניתוסף א ברכה ווען מ׳ציילט עס.

עס שטייט אין **זוהר חדש** (דף ל"ח) לכאורה פארוואס רימט זיך כביכול דער רבש"ע **"אנכי ה"א אשר הוצאתיך מארץ מצרים"**, ער האט דאך דאס צוגעזאגט פון פאראויס ביים ברית בין הבתרים אז 400 יאר וועט מען זיין אין גלות און נאכדעם וועט ער זיי ארויסנעמען, וואס איז די גרויסע מעלה אז ער האט מקיים געווען זיין הבטחה?

נאר דער שבח איז אז דער אייבערשטער האט ארויסגענומען די אידן פון די טומאה צו די קדושה. דאס זאגט ער **אשר הוצאתיך מארץ מצרים** וואס איז געווען א מקום טומאה, און פון דארט האט ער ארויסגענומען אידישע קינדער.

דאס זאגט דער פסוק **לצאתם מארץ מצרים**, אז אידן זענען ארויס פון די טומאה צו די קדושה, **לאמר**, וועגן דעם באפעל איך **שאו את ראש** אז מ׳זאל ציילן אידן, ווייל ביי די קדושה קומט אריין די ברכה ווען מ׳ציילט.

*

**שאו את ראש כל עדת בני ישראל למשפחותם לבית אבותם:** דער מדרש זאגט אז ווען אידישע קינדער האבן באקומען די תורה האבן די גוים מקנא געווען, האט זיי דער אייבערשטער געזאגט **הביאו לי ספר יוחסין שלכם** ׳האט עמס אויך געברענגט א יחוס בריוו אזוי ווי די אידן?׳ דארף מען פארשטיין דעם שייכות פון יחוס צו קבלת התורה, אויך דארף מען פארשטיין אז דער אייבערשטער האט דאך געוואלט געבן די תורה פאר די גוים און זיי האבן דאס נישט געוואלט נעמען, פארוואס האבן זיי יעצט געהאט טענות?

ענטפערט דער **חתם סופר** אז די גמרא זאגט אז די גוים וועלן האבן טענות אז מ׳האט נישט כופה געווען דעם הר כגיגית אזוי ווי פאר די אידן, און וועגן דעם האבן זיי נישט מקבל געווען די תורה.

נאר באמת ווייסן מיר אז א קבלה באונס איז גארנישט ווערט, און אלמלא די גוים וואלטן ווען געווען די תורה בכפי׳ וואלט עס נישט גערעכנט געווארן ווי זיי וואלטן דאס ווען אנגענומען. נאר ביי אידישע קינדער איז אנדערש ווייל דער רמב"ם זאגט (סופ"ב מהל׳ גירושין) אז באמת וויל יעדער איד טון דעם רצון ה׳, נאר צומאל איז יצרו אונסו און ער קען זיך נישט מתגבר זיין דערויף, וועגן דעם צווינגט מען אים, כופין אותו עד שיאמר רוצה אני, און מיט דעם צוקלאפט מען זיין יצר הרע.

אבער דאס איז נאר שייך ביי אידן, בני אברהם יצחק ויעקב, וואס האבן מקבל געווען די תורה מרצון אפילו נאך איידער דער אייבערשטער האט דאס געגעבן משא"כ די גוים קענען נישט מקבל זיין די תורה באונס.

וועגן דעם האט דער אייבערשטער געהייסן די אידן **הביאו לי ספר יוחסין שלכם**, וואס דאס וועט אוועק נעמען די טענה פון די גוים, און באשטעטיגן אז נאר ביי אידישע קינדער, בני אברהם יצחק ויקב איז שייך קבלת התורה אפילו ווען עס איז געווען כפה עליהם הר כגיגית.

*

**שאו את ראש:** זאגט רש"י **מתוך חיבתן מונה אותם כל שעה, כשיצאו ממצרים מנאן, וכשנפלו בעגל מנאן לידע מספר הנותרים, וכשבא להשרות שכינתו מנאם.** לכאורה איז די ווערטער פון רש"י א סתירה, ער הייבט אן אז ער ציילט כל שעה מחמת חיבה, און גלייך נאכדעם רעכנט ער אויס געוויסע זמנים מיט סיבות ווען מ׳ציילט די אידן.

ענטפערט **הרה"ק רבי יחזקאל׳ע מקאזמיר ז"ע** מיט א קשיא לכאורה ווייסן מיר אז א דבר שבמנין לא בטיל ווייל עס איז זייער חשוב, און דאס ציילן די אידן ציגט אויף זייער חשיבות, אויב אזוי פארוואס האט מען געציילט אלע אידן אינאיינעם, עס זענען דאך געווען שוואכערע אידן, וואס זענען נישט געווען אזוי חשוב. נאר די משנה זאגט אין מס׳ אבות (פ"ד מ"ג) אל תהי בז לכל אדם שאין לך אדם שאין לו שעה, קומט אויס אז יעדער איד האט א צייט ווען ער איז וואויל און ערליך ממילא קען מען אים רעכענען אלס א דבר חשוב.

דאס זאגט רש"י **מתוך חיבתן מונה אותם כל שעה**, די חיבה וואס דער אייבערשטער האט צו די אידן ברענגט אז ער זאל זיי רעכענען **כל שעה**, יעדער לויט די שעה וואס ער איז ערליך, אזוי זענען אלע אידן א דבר שבמנין און מ׳ציילט זיי אינאיינעם.

## למעלה און למטה

דער הייליגער צדיק **רבי ייב"י פון אוסטראה זי"ע** זאגט אז א איד דארף זיך אלעמאל האלטן אויף א מצב אז ער איז א בינוני, ער טאר זיך נישט גרויס האלטן, נאר זיין בענוה, אבער דאס קען גורם זיין אז ער זאל אריינפאלן אין מרה שחורה ח"ו, וואס דאס איז דער יצה"ר, און ער וועט אים איינרעדן אז זיינע מעשים טובים זענען נישט חשוב פארן אייבערשטן, דארף א מענטש פארשטיין אז אפילו ער איז באמת גארנישט, אבער מיטן טון מצות ומעשים טובים קען ער אנקומען צו הויכע מדריגות.

מיט דעם טייטשט ער דעם פסוק **ואתכם יהיו איש איש למטה**, אפילו איינער האלט אז ער איז אין א בחינה פון **איש**, א חשוב׳ער מענטש, דארף זיין **למטה**, ער זאל זיך אראפ לאזן נידריגער פון יעדן מענטש. כדאי ער זאל אבער נישט ווערן מרה שחורה דארף ער אויך וויסן אז **איש ראש לבית אבותיו הוא**, אויב מ׳איז א איש קען מען ווערן א ראש פאר אידישע קינדער, אויב **לבית אבותיו** הוא ער וועט זיך פירן בדרכי אבותיו הק׳.

# אוצר הידיעות

## למשפחותם לבית אבותם

איינע פון די שיינע זאכן מיט וואס כלל ישראל איז באקרוינט איז מיט זייער שיינעם יחוס **למשפחותם לבית אבותם**.

וועגן דעם טאקע האבן אידן אלס געזוכט צו קענען זייער יחוס ארויף צו זייערע עלטערן למעלה בקודש, בפרט האט מען געזוכט צו קענען דעם יחוס פון די צדיקים צו וועמען מען איז געווען דבוק, אזוי האט מען געשפירט אז מ'האט מיט זיי א קשר.

אין די צוואה פון **הגה"ק רבי שעפטל זצ"ל** דער זון פונעם **של"ה הק'** שרייבט ער בזה"ל: **'וכן ראוי שכל איש אשר הוא בימים ההם יעשה סדר יוחסין לזרעו ולזרע זרעו שיהי' לאות ולמשמרת"** און ער אליין שרייבט אראפ דעם שיינעם יחוס המשפחה, און ער שרייבט אויף דעם **"ולא כתבתי זה כדי להתגאות וכו' רק מטעם הנ"ל שתדעו מי אתם ומי אביכם וכן תצוו אתם לבניכם ובניכם לבניהם עד עולם'.**

אזוי אויך זענען געווען אנדערע גדולי ישראל, צווישן זיי דער **בית אפרים, הגה"ק ר' אפרים זלמן מרגליות זצ"ל** וואס האט אפגעשריבן א גאנצער ספר יחוס פאר זיינע בני המשפחה אז זיי זאלן וויסן פון וואו זיי שטאמען.

מ'זאגט נאך א טייטשט פון **הגה"ק רבי אליעזר זוסמאן סופר זצ"ל** מפאקש אויפן פסוק אין משלי **"החושך שבטו שונא בנו"**, וואס בפשטות מיינט דאס אז א טאטע וואס האלט צוריק זיין שטעקן נישט צו שלאגן זיין קינד, דער האט אים פיינט, ווייל אזוי וועט דאס קינד אויסוואקסן אן קיין געהעריגן חינוך. אבער דער גדול האט געטייטשט "החושך שבטו" איינער וואס באהאלטן דעם שבט, ער דערציילט נישט פאר די קינדער פון וואו ער שטאמט און וואס זיין יחוס אבות איז, דער איז 'שונא בנו', ווייל יחוס איז זייער א וויכטיגע זאך וואס יעדער איד' דארף קענען און וויסן.

די וועלט דערציילט אז ווען דער הייליגער **מעזריטשער מגיד זי"ע** איז געווען א קינד האט פאסירט ביי זיי אין שטוב א שריפה, און זיין מאמע האט זייער שטארק געוויינט, האט ער פרובירט צו בארוהיגן זיין מאמע, האט זי אים געזאגט "איך וויין נישט אויף דאס געלט וואס איז פארברענט געווארן, נאר אויף דעם טייערן יחוס בריוו וואס מיר האבן געהאט, און דאס האט זיך געצויגן ביז דוד מלך ישראל".

האט דער קליינער דוב בער געזאגט "מאמע, וויין נישט, איך זאג דיר צו אז איך וועל מאכן א נייעם יחוס וואס וועט זיך אנהייבן ביי מיר"...

# אוצר רבותינו

## איש על מחנהו

איש חסיד היה, שהיה רגיל לשכור הקרעטשמע אצל הפריץ, ומזה היה לו פרנסה בדוחק. הוא היה חסיד **מהרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע.**

בשנה אחת לא רצה עוד הפריץ להשכיר לו הקרעטשמע, והחסיד נשאר בלי פרנסה. הוא נסע תיכף לרבו הרה"ק מפרעמישלאן, ובכה לפניו על מצבו הקשה, הרבי צוה לו להשאר אצלו על שב"ק ובעז"ה יראה הישועה בקרוב. החסיד היה לו אמונה בדברי רבו ונשאר על שב"ק בצל קדשו.

בליל שב"ק בשעת עריכת השולחן, התחיל הרבי לנגן **"כל מקדש"**, ופירש התיבות בלשון אידיש, כשהגיע להתיבות **"שכרו הרבה מאד על פי פעלו, איש על מחנהו ואיש על דגלו"**, פירש "שהשכר של מי ששומר שבת גדול מאד, מה שכרו? **"על פי, פעלו"**, שהכל מה שיוציא מפיו, יעשו כן בשמים, כמו שכתב "צדיק גוזר והקב"ה מקיים", אם כן הלא מאיר'ל הוא שומר שבת, ובכן אני גוזר **"איש על מחנהו ואיש על דגלו"**, שישאר על מקומו ושלא יכלו לקח זאת ממנו".

מבין החסידים שישבו אצל השולחן אף אחד לא הבין על מה יסובבון הדברים, אפילו החסיד הנ"ל לא תפס שהרבי כיון בדברים אלו אליו.

באותו זמן כאשר הרבי אמר דברים אלו על שולחנו הלך הפריץ לטייל ברחובות העיר עם עבדיו, פתאום נפל לארץ ולא יכלו להרים אותו, הוא קרא להרופאים הגדולים ביותר ואף אחד לא יכול לעזור אותו, עד שהתחיל לחשוב אולי זה עונש משמים על זה שגרם צער להחסיד, וצוה שיקראו אותו אליו, אבל הוא לא היה בביתו רק אצל הרבי בפרעמישלאן.

ויהי כאשר הגיע לביתו מיד הודיעו לו שהפריץ מחפש אחריו, כשהגיע להפריץ מיד ביקש ממנו שימחול לו על שציער אותו, ומחל לו על כל החובות עד עכשיו, ואמר שהוא יכול להמשיך עם עבודתו גם להלאה מבלי שום תשלום. ואז נתרפא הפריץ מחליו.

אז הבין החסיד על מה כיון הרבי ר' מאיר'ל בדבריו הק' "איש על מחניהו ואיש על דגלו".

# יגעת ומצאת

די וואך וועלן מיר אי"ה לערנען די "יגעת ומצאת" איבער די יארצייטן פון די הייליגע צדיקים מאורי הדור, און תלמידי הבעש"ט הק' זי"ע, וואס זייער יארצייט געפאלט אין חודש אייר.

**הרב הקדוש רבינו נפתלי צבי הלוי הורוויץ זי"ע, בן הרה"ק רבי, אב"ד, בעמח"ס, א תלמיד פון הרה"ק רבי, און הרה"ק זי"ע. נפטר, שנת. - הגה"ק רבי יחזקאל הלוי לאנדא זי"ע, אב"ד,בעמח"ס שו"ת, וס' על מס' הש"ס, נפטר שנת. הרה"ק רבי ישעי' קערעסטירער זי"ע בן רבי, א תלמיד און משמש בקודש פון הרה"ק רבי, זי"ע, ווי אזוי האט ער געהייסן אויפן משפחה נאמען? נפטר, שנת. - הרה"ק ר' שמואל שמעלקא הלוי הורוויץ זי"ע, באקאנט אלס רבי, איז געווען א תלמיד פון הרה"ק, און א ברודער מיט הרה"ק, אב"ד, בעמח"ס, נפטר, שנת - רבינו משה איסרליש זי"ע, באקאנט אלס דער, בן, אב"ד, נפטר, שנת. הרה"ק ר' מענדעלע רימאנוב'ער זי"ע בן ר', בעמח"ס, א תלמיד פון הרה"ק, ווי אזוי האט ער געהייסן אויפן משפחה נאמען, נפטר, שנת, הרה"ק רבינו משה חיים אפרים זי"ע אב"ד, בעמח"ס הק', זיין טאטע האט געהייסן רבי, זיין מוטער, די טאכטער פון מרן, זיין ברודער איז געווען הרה"ק, זי"ע – נפטר, שנת. - הגה"ק רבי הלל קאלאמייער זי"ע, בעמח"ס, א תלמיד פון הרה"ק, ווי אזוי האט ער געהייסן אויפן משפחה נאמען? נפטר, שנת. הרה"ק רבי מאטעלע טשערנאבלער זי"ע, בן הרה"ק, זי"ע, בעמח"ס, ווי אזוי האט ער געהייסן אויפן משפחה נאמען? נפטר, שנת - הרה"ק רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע בן, תלמיד מ, נפטר, שנת.**

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' בחוקותי

א. ברש"י עה"ת פר' נח כ' לדורותם חסר, זה מראה על דורו של רשב"י שלא היה צורך בקשת.

ב. רבן שמעון, בן יוחאי, חתן רבי פינחס בן יאיר, בנו רבי אלעזר, נקבר במירון.

ג. חי בתקופה בערך נ' שנים אחרי החורבן בית שני.

ד. נולד ביום ל"ג בעומר, כדברי הבני יששכר שהקב"ה ממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום.

ה. בשנת תרע"א עשו חרם שלא לילך לציון הרשב"י למשך חמשה שנים, מחמת אסון נורא שאירע שנפלה הגג ונהרגו אנשים מישראל, ואמרו חכמי הדור שביסת הדבר הוא משום שנתהוה פריצות אצל הציון הק'.

ו. חמשה תלמידים שנשארו לר' עקיבא היו, רבי מאיר, רבי יוסי, רבי שמעון, רבי יהודה, רבי אלעזר בן שמוע.

ז. המקור לשחק בקשת מהרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע, עפ"י דברי הפייט "אות הקשת לא נהיה", וזכר לזה אנו משחקין בקשת.

ח. בגמ' מס' מכות מצינו הברכה "דילדא אימיה כר' שמעון תלד.